א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

# וכל מאמינים

295 | פרשת שופטים | תשע"ט

## מאוצרות אמונים
## פערל ווערטער איבער אמן און תפילה אין די פרשה

### דער וואס דאווענט אויפן דור איז מאריך ימים און האט ברייט פרנסה

**"וְשָׁפְטוּ אֶת הָעָם מִשְׁפַּט צֶדֶק...; צֶדֶק צֶדֶק תִּרְדֹּף לְמַעַן תִּחְיֶה וְיָרַשְׁתָּ אֶת הָאָרֶץ"** (טז יח; כ)

"'וְשָׁפְטוּ אֶת הָעָם מִשְׁפַּט צֶדֶק' - שיהיו מלמדין זכות על הדור" (תנחומא ד).

אין גמרא (ברכות לב ב) ווערט געברענגט: "חסידים הראשונים היו שוהין שעה אחת ומתפללין שעה אחת וחוזרין ושוהין שעה אחת", וואונדערט זיך די גמרא: "וכי מאחר ששוהין תשע שעות ביום בתפלה, תורתן היאך משתמרת, ומלאכתן היאך נעשית?", ענטפערט די גמרא: "מתוך שחסידים הם, תורתם משתמרת ומלאכתן מתברכת".

א רמז אויף די גמרא לערנט ארויס דער '**כתב סופר**' פון אונזער פסוק:

די תורה באפעלט די מנהיגי הדור: "צֶדֶק צֶדֶק תִּרְדֹּף" - פארמערט צו דאווענען און מלמד זכות זיין אויף ענקער דור [אזוי ווי דער תנחומא זאגט], און נישט מורא האבן טאמער צוליב דעם ווועלן ענק פארגעסן ענקער לערנען, און דורך דעם וועט ענקער לעבן זיין אין א געפאר, [אזוי ווי מיר האבן געלערנט (אבות ג ח): "השוכח דבר ממשנתו... כאילו מתחייב בנפשו"], ווייל ענק זענען פארזיכערט אז די תורה וועט אפגעהיטן ווערן - "לְמַעַן תִּחְיֶה". און ענק דארפן אויך נישט טראכטן פון וואו ווועלן ענק האבן פרנסה, ווייל ענק ווועלן זוכה זיין צו - "וְיָרַשְׁתָּ אֶת הָאָרֶץ" - אזוי ווי א ירושה וואס קומט אן גרינגערהייט.

'כתב סופר'

### א רמז אויף די מצוה פון חנוכה און איר ברכה

**"לֹא תָסוּר מִן הַדָּבָר אֲשֶׁר יַגִּידוּ לְךָ יָמִין וּשְׂמֹאל"** (יז יא)

מיר טרעפן אין די גמרא (שבת כג א) דער טעם פארוואס מיר זאגן אויף אנצינדן די נרות חנוכה די ברכה 'אשר קדשנו במצוותיו וציונו' כאטש ס'איז א מצוה מדרבנן, ווייל מיר זענען באפוילן געווארן אין די תורה מקיים זיין וואס די חכמים זאגן, אין די פאלגנדע פסוק: "לֹא תָסוּר מִן הַדָּבָר אֲשֶׁר יַגִּידוּ לְךָ...".

לייגט צו דער ראב"ד ירושלים **רבי ישראל יעקב פישער**, נישט אומזינסט דרש'נט מען דעם פסוק ספעציעל אויף די מצוה פון נר חנוכה, ווייל א געוויסע הלכה פון הלכות חנוכה איז אין דעם מרומז:

אין שולחן ערוך (או"ח תרעא ז) איז גע'פסק'נט: "עס איז א מצוה צו לייגן די נרות חנוכה נאנט - א טפח - צו די לינקע זייט פון די טיר, כדי די מזוזה זאל זיין פון די רעכטע זייט און די נר חנוכה פון די לינקע זייט; און אויב עס איז נישטא קיין מזוזה אויפן טיר, זאל מען לייגן די מנורה אויף די רעכטע זייט". אויף דעם איז מרמז דער פסוק: "לֹא תָסוּר מִן הַדָּבָר אֲשֶׁר יַגִּידוּ לְךָ", און איבערהויפט ביי די מצוה פון חנוכה וואס מ'שטעלט עס אוועק ביי: "יָמִין וּשְׂמֹאל".

'אבן ישראל'

## מבאר אמונים

מקורות אין גודל מעלת עניית אמן

### 'שופטים ושוטרים' - עפענען די טויערן

**"שֹׁפְטִים וְשֹׁטְרִים תִּתֶּן לְךָ בְּכָל שְׁעָרֶיךָ אֲשֶׁר ה' אֱלֹקֶיךָ נֹתֵן לְךָ"** (טז יח)

"אין האב אריינגעטראכט אין דעם טאג וואס מ'האט געשטעלט א מציבה אויף איינעם וואס איז געווען פון די וואס האבן אכטונג געגעבן און מעורר געווען יעדן איינעם און אויך די קינדער זיי זאלן ענטפערן אמן, אז עס איז באקאנט וואס חז"ל זאגן (שבת קיט ב): 'כל העונה אמן בכל כוחו פותחים לו שערי גן עדן' שנאמר (ישעיה כו ב) 'פתחו שערים ויבא גוי צדיק שומר אמונים' אל תקרי שומר אמונים אלא שאומרים אמן'.

און מיט דעם קען מען טייטשן דעם פסוק: 'שֹׁפְטִים וְשֹׁטְרִים תִּתֶּן לְךָ בְּכָל שְׁעָרֶיךָ אֲשֶׁר ה' אֱלֹקֶיךָ נֹתֵן לְךָ', די טויערן פון די גן עדן זענען די אמת'דיגע טויערן וואס דער אויבישטער געבט פאר א מענטש, און די תורה דערמאנט דיר דו זאלסט שטעלן שופטים ושוטרים וואס זאלן אנווארענען דעם עולם זאלן נישט רעדן, נאר זיי זאלן צוהערן וואס מ'זאגט און ענטפערן אמן אויף יעדע ברכה, און דורך דעם איז מען זוכה אז די טויערן פון גן עדן ווועלן זיך עפענען".

'עטרת יהושע' [פון הרמ"א פריינד גאב"ד ירושלים]

### אראפ גיין קיין מצרים - לשם שמים

**"רַק לֹא יַרְבֶּה לּוֹ סוּסִים וְלֹא יָשִׁיב אֶת הָעָם מִצְרַיְמָה לְמַעַן הַרְבּוֹת סוּס"** (יז טז)

מ'דארף פארשטיין, דאס אראפגיין קיין מצרים איז דאך אסור נאר ווען דער ציל איז זיך באזעצן דארט (רמב"ם מלכים ה ח), אויב אזוי וואס גייט אונז אן אויב דער קעניג וועט פירן דעם פאלק קיין מצרים מ'זאל דארט איינהאנדלען פערד?

ענטפערט דער '**חתם סופר**':

כאטש אז מצד הדין מעג מען אראפ גיין קיין מצרים צוליב האנדלען, האט די תורה געוואלט אז דאס אראפ גיין קיין מצרים זאל זיין מיט א ציל פון לויבן און דאנקען השי"ת ווען מ'זעהט דארט די פלעצער וואו עס זענען געשעהן די ניסים פאר די אידן, און וועגן דעם האט די תורה אנגעווארנט מ'זאל נישט אראפ גיין קיין מצרים "למען הרבות סוס", ווייל דעמאלטס וועט מען נישט טראכטן פון לויבן השי"ת, נאר עס זאל זיין לשם שמים - לויבן השי"ת אויף די גרויסע ניסים וואס ער האט פאר זיי דארט געטון.

'חתם סופר' ליקוטים

### תשובה מאהבה דורך קריאת שמע

**"וְאָמַר אֲלֵהֶם שְׁמַע יִשְׂרָאֵל אַתֶּם קְרֵבִים הַיּוֹם לַמִּלְחָמָה עַל אֹיְבֵיכֶם אַל יֵרַךְ לְבַבְכֶם..."** (כ ג)

"אפילו אין בכם זכות אלא קריאת שמע בלבד כדאי אתם שיושיע אתכם" (רש"י).

דער צדיק **רבי פנחס סאסיש** פון סטאניסלאב האט ערקלערט:

ווען איינער טוהט תשובה מיראה ווערט עס טאקע אנגענומען, אבער עס העלפט נאר אים באשיצן פון יסורים, אבער נישט ער זאל קענען געווינען זיינע פיינט. דאקעגן תשובה מאהבה העלפט אויך צו געווינען די פיינט. דעריבער זאגן חז"ל אז דער וואס ליינט 'קריאת שמע' און דורך דעם ברענגט ער אריין אין זיין הארץ אהבת הבורא, איז זוכה געווינען זיינע פיינט.

'פרדס המלך'

(רבי פנחס סאסיש וואס האט געלעבט פאר ארום צוויי הונדערט יאר אין די שטאט סטאניסלאב איז געווען א צדיק נסתר, און אויף אים ווערט דערציילט (אין די 'תולדות המחבר' אנהויב ספר) אז ער פלעגט זיצן אין די קרעטשמע פון זיין שטאט, און פלעגט דערמאנען יעדן איד זאגן א פאר ברכה און א נאך ברכה, און האט געענטפערט אמן נאך זייערע ברכות)

### קריאת שמע איז אקעגן דעם תמיד

**"וְאָמַר אֲלֵהֶם שְׁמַע יִשְׂרָאֵל אַתֶּם קְרֵבִים הַיּוֹם"** (כ ג)

אין מדרש (ילק"ש ואתחנן תתלה) ווערט געברענגט אז דער וואס ליינט קריאת שמע צופריה און ביינאכט, ווערט עס אים גערעכנט ווי ער וואלט מקריב געווען דעם תמיד של שחר און דעם תמיד של בין הערבים כהלכתם. א רמז אויף דעם זאגט דער **חיד"א** פון אונזער פסוק: "וְאָמַר... שְׁמַע יִשְׂרָאֵל" - געבט אכטונג ליינען 'שמע ישראל' צוויי מאל יעדן טאג, און עס וועט ענק גערעכנט ווערן כאילו "אַתֶּם קְרֵבִים הַיּוֹם" - ענק זענען מקריב דעם תמיד של שחר און דעם תמיד של בין הערבים.

'פני דוד' אות ט





"דער וואס זאגט א ברכה איז מעיד אין זיין ברכה אויף הקדוש ברוך הוא אז ער איז דער מקור הברכה, און דער וואס ענטפערט אמן איז ווי ער באשטעטיגט די עדות, און ער איז דער עיקר, ווייל א עדות ווערט נישט באשטעטיגט דורך איין עד, נאר דורך דעם צווייטן עד, ווייל דורך אים ווערט געענדיגט די עדות, און דער וואס ענטפערט אמן איז דער צווייטער עד... ווייל דורך אים איז דא א ריכטיגע עדות"

רבנו בחיי שמות יד לא

**ברכות השחר: אויפן קול מיט כוונה מיט א חברותא.**

# תענה אמונים

א בליק איבער די מעלה
פון 'השכמת בית המדרש'

## השכמת בית המדרש (ה)

### לערנען פארן דאווענען (ב)

### 'תפילה הבאה מתוך דברי תורה - מתקבלת'

אונזערע רבי"ס די גדולי עולם האבן עדות געזאגט, אז לערנען תורה פארן דאווענען, העלפט זייער שטארק צו אז די תפילה זאל אנגענומען ווערן. אזוי זאגט דער רבי ר' יהונתן אייבשיץ: "וואויל איז דער וואס באשטימט א צייט צו לערנען פארן דאווענען, און נאכדעם דאווענט ער צו השי"ת מיט כוונה... דעמאלטס איז זיכער אז עס וועלן זיך עפענען פאר אים די טויערן פון תפילה" ('יערות דבש' ח"ב דרשה ג). ענליך צו דעם זאגט אויך דער 'שפת אמת' (שבועות תרמ"ג): "כל תפילה הבאה מתוך דברי תורה - מתקבלת".

אז רמז אויף דעם, זאגט דער 'שפת אמת', זעהן מיר אין דעם לשון הפסוק אין תהלים (קמה יח): "קרוב ה'... לכל אשר יקראוהו באמת", און עס שטייט דאך "אין אמת אלא תורה" (איכ"ר ב).

נאך א מקור אויף דעם ברענגט רבי יעקב דוד פון ראדאמסק געבויעט אויף די ירושלמי וואס דרש'נט פון דער פסוק (שם יז א): "תפלה לדוד שמעה ה' צדק הקשיבה רנתי האזינה תפלתי בלא שפתי מרמה" - "'הקשיבה רנתי' זו רינון תורה, 'האזינה תפלתי' זו תפלה. זעהט מען פון דעם אז מ'דארף מקדים זיין תורה פארן דאווענען ('אמרי דוד' ואתחנן תקלה).

### 'הלימוד והתפילה קשורים זה בזה'

א שטארקער פארבינדונג איז פאראן צווישן תורה און תפילה. אזוי ווי די באוואוסטע ווערטער פונעם 'חזון איש' אין זיינע בריוון (ח"א אגרת ב): "הלימוד והתפילה קשורים זה בזה, עמל הלימוד עוזר לאור התפילה, והתפילה עוזרת אל הלימוד...".

דער נצי"ב פון וואלאזשין דערמאנט שוין דעם יסוד ערקלערנדיג די גמרא (חגיגה יב ב): "כל העוסק בתורה בלילה - הקדוש ברוך הוא מושך עליו חוט של חסד ביום, אזוי ווי עס שטייט (תהלים מב ט): 'יומם יצוה ה' חסדו...', פארוואס 'יומם יצוה ה' חסדו' - ווייל 'ובלילה שירה עמי'"; דער אויסגפיר פון דער פסוק איז: "תפילה לא-ל חיי", זעהט מען פון דעם אז דער תכלית פון דער 'חוט של חסד' וואס השי"ת שענקט פאר דעם וואס איז עוסק אין תורה, איז כדי ער זאל קענען דאווענען אינדערפריה ווי עס דארף צו זיין, ווייל די תורה העלפט צו אז די תפילה זאל אנגענומען ווערן ('העמק דבר' ויקרא כ ח).

א וואונדערליכער ערקלערונג אויף דעם האט געזאגט רבי אהרן קאטלער, ראש ישיבת לעיקוואוד:

די גדר פון 'תפילה' איז זיך דערנענטערן צו ה'. די דערנענטערונג דארף געטוהן ווערן אין די צייט און אין דער פלאץ וואו השי"ת איז נאנט צו אונז, אזוי ווי עס שטייט (ישעיה נה ו): "דרשו ה' בהמצאו קראוהו בהיותו קרוב". פאר די חורבן האט די שכינה גערוהט אין בית המקדש, און נאך וואס השי"ת האט זיך דערווייטערט פון אונז ביים חורבן בית המקדש ווערן די תפילות נישט אזוי אנגענומען ווי ביז דעמאלטס (ראה איכה ג מד).

אבער עס איז מסתבר אז אויך אין די היינטיגע צייטן קענען מיר זוכה זיין אז די שכינה זאל רועהן צווישן אונז, דאס איז דורך לערנען די תורה הקדושה, אזוי ווי עס שטייט אין גמרא (ברכות ח א): "מיום שחרב בית המקדש אין לו להקדוש ברוך הוא בעולמו אלא ד' אמות של הלכה בלבד". קומט אויס אז לערנען תורה דערנענטערט די שכינה צו אונז, און א תפילה וואס ווערט געדאווענט נאכן לערנען איז איר סגולה געוואלדיג גרויס זי זאל אנגענומען ווערן פאר השי"ת ('משנת רבי אהרן' - מאמרים, ח"א עמ' צז).

### לערנען גמרא טוהט פארשניידן די קליפות

דער 'מנחת אלעזר' פון מונקאטש ברענגט אין נאמען פון זיין זיידע דער 'בני יששכר' א ענין בדרך סוד, אז דער וואס איז מקפיד צו לערנען גמרא יעדן אינדערפריה פארן דאווענען, איז זוכה אז דורך דעם גייט ארויף זיין תפילה אין הימל דורך די מלאכים וואס טראגן דעם כסא הכבוד: גבריאל, מיכאל, רפאל און אוריאל - וואס זייערע נעמען זענען ראשי תיבות 'גמר"א' ('דברי תורה' מהדו"ק אות יט, ועי"ש אות פא).

דער 'שר שלום' פון בעלזא ברענגט אין נאמען פון דער חוזה פון לובלין, אז ווען א מענטש לערנט א בלאט גמרא לשם שמים פארן דאווענען, איז די ליכטיגקייט פון די תורה טוהט פארשניידן די קליפות און גרייט צו א וועג אז זיין תפילה זאל ארויף גיין פארן כסא הכבוד ('מהר"ש מבעלזא' האזינו).

נאך שטייט אין 'בית אהרן' - קארלין (שבת שובה) אין נאמען פון רבי שלמה קארלינער:

אין אמת'ן "עשה האלוקים את האדם ישר" (קהלת ז כט), נאר זיינע זינד ברענגען צו ער זאל פארקרימען און פארדרייען זיין וועג און זיך דערווייטערן פון השי"ת, און צוליב דעם, זענען זיינע תפילות נישט מיט די ריכטיגע כוונה. דורך לערנען גמרא בעיון פארן דאווענען גראדט אויס א מענטש זיין שכל, און קערט זיך צוריק צום גראדן וועג ווי פריער, און דורך דעם ווערן זיינע תפילות און בקשות געזאגט מיט די ריכטיגע כוונה - פאר כבוד שמים, און דאס העלפט צו זיי זאלן אנגענומען ווערן.

### לערנען פארן דאווענען העלפט צו כוונה

דער בעלזער רב דער מהרי"ד איז געווען געוואוינט צו זאגן: ווען א איד לערנט א בלאט גמרא פארן דאווענען, דעמאלטס איז דער 'ברוך' א אנדערער 'ברוך', און דער 'אתה' איז א אנדערער 'אתה', און דער גאנצער טאג פירט זיך אינגאנצן אנדערשט ('ותתפלל חנה' עמ' קלה).

א רמז אויף דעם האט געזאגט דער 'תפארת שלמה' פון ראדאמסק (לפורים) טייטשנדיג דעם פסוק (אסתר ט כה): "ובבאה לפני המלך אמר עם הספר ישוב מחשבתו הרעה" - "ובבאה" זיך צו שטעלן דאווענען "לפני המלך" דער מלך מלכי המלכים, "אמר עם הספר" - דורך לערנען אין די הייליגע ספרים, "ישוב מחשבתו הרעה" און זיין תפילה וועט זיין ריין און לויטער, אן קיין מחשבות זרות.

# מעשה אמונים

א וועכנטליכע ערציילונג
אויף אמן און תפילה

## די ברכה וואס האט אפגעשטעלט בלמה

**די פאלגנדע ערציילונג איז צו אונז געשיקט געווארן דורך א טייערער איד, א איינוואוינער פון די ירושלים'ער 'רמות' געגנט, וואס ער מיט זיין פאמיליע פירן זיך שוין אסאך יארן צו זאגן די ברכות השחר מיט א חברותא, און האבן שוין עטליכע מאל זוכה געווען זעהן גאר וואונדערליכע ישועות אין דער זכות פון די אויפפירונג, אבער דער ערציילונג וואס שטייגט איבער אלעם, האט צוגעברענגט זיי זאלן עס וועלן מיטטיילן מיט די ליינער.**

אסאך אידן לאזן זיך ארויס יעדן אינדערפריה מיט א באס וואס פארט ארויס פון די 'רמות' געגנט אין ירושלים צו די ריכטונג פון דער צענטער פון די שטאט ירושלים, צווישן זיי קען מען טרעפן מענטשן וואס ארבעטן און פלאגן זיך אויף זייער פרנסה און זענען יעצט אויפן וועג צו זייער ארבעט'ס פלאץ, תלמידים וואס לערנען אין פארשידענע מוסדות החינוך אין צענטער פון שטאט, און די מערסטע זענען - די בחורים און יונגעלייט וואס פון אינדערפריה ביז ביינאכט, זיצן זיי פלייסיג על התורה ועל העבודה אין זייערע ישיבות און כוללים, ללמוד וללמד, לשמור ולעשות ולקיים.

אויך איך, וואס מיין ארבעט איז אין די פעלד פון חינוך אין צענטער פון די שטאט, בין איך געוואוינט יעדן אינדערפריה אין א באשטימטע צייט, אין א באשטימטע באס וואס פארט זיין וועג פון די 'רמות' געגנט. אזוי, אויך אין דער טאג, עטליכע מינוט פאר זיבן אזייגער אינדערפריה, בין איך געזיצן אויף מיין כמעט באשטימטע פלאץ אין דער 'אגד' באס וואס זיינע רעדער זענען געפארן אויף די שאסיי וואס פארט אראפ 'רמות', און אריין געאטעמט א פרישע קילע ירושלים'ער לופט וואס האט אריינגעדרינגען דורך די געעפענטע פענסטער.

איך האב געכאפט א בליק אויף די רייזנדע וואס זענען געזיצן ארום מיר. רוב פון זיי זענען מיר געווען באקאנט זייענדיג שטענדיגע רייזנדע אין די צייט, יעדער איז געווען באשעפטיגט אין זיינע זאכן. א טייל פון זיי זענען געזיצן אין זייערע פלעצער זיך געשאקלט שטילערהייט זייענדיג איבערגעבויגן העכער א קליינע סידור, און א טייל פון זיי האבן אריינגעבליקט אין פארשידענע הייליגע ספרים, אדער סתם געווען פארטראכט.

מיינע אויגן האבן פונקט אויפגעכאפט א קליינע גרופע פון יונגע בחורים'לעך וואס זיצן אין די פאדערשטע טייל פונעם באס, נוצן אויס די איינצעלנע מינוטן ביז ווען דער באס וועט אנקומען נאנט צו זייער ישיבה, ווען יעדער פון זיי זאגט די ברכות השחר פאר די אנדערע.

אלץ איינער וואס דער טעמע איז נאנט צו מיין הארץ האב איך געקוקט אויף זיי מיט וואונדער און שעצונג. א דאנק ענק, 'בני אמונים', פיל איך א ספעציעלע הנאה יעדע מאל ווען איך זעה נאך מענטשן זענען זוכה צו איינהאלטן דעם הייליגן מנהג, אזוי אויך יעצט, האב איך זיך מתבונן געווען אויף די גרופע בחורים, וויאזוי יעדער אין זיין רייע שטעלט זיך אויף, זאגט די ברכות מיט כוונה פאר זיינע חברים, און נאכדעם טוישט ער זיך מיט א צווייטן חבר.

ווען דער באס איז אריבער געפארן 'הר חוצבים' זענען אלע רייזנדע געזיצן אויף זייערע פלעצער. אלע, אויסער איינער; אינמיטן, פונקט אין צענטער באס איז געשטאנען א יונגער בחור'ל מיט א איידעלע אויסזעהן, וואס האט זיך אויפגעשטעלט אין זיין רייע זאגן די ברכות פאר זיינע חברים.

פונקט אין דער מינוט האט דער באס זיך אפגעשטעלט ביי א סטאנציע און מענטשן האבן אנגעהויבן ארויפגיין. דאס וואס דער בחור איז געשטאנען האט אביסל געשטערט די דורכגאנג, און האט צוגעברענגט אז עטליכע פון די רייזנדע האבן זיך אנגעהויבן צו רעגן אויף אים. איינער פון זיי, א עלטערער איד, האט זיך אנגערופן מיט א שטרענגן טאן און א גרינגשעצונג:

"זיץ, יונגעלע, דו זעהסט נישט אז דו שטערסט די דורכגאנג?!".

עס האט אויסגעזעהן אז דער בחור האט זיך אביסל צוזאם געצויגן אויף זיין פלאץ. די באמערקונג איז אים אינגאנצן נישט איינגענעם געווען צו הערן, אבער ער האט זיך נישט געקענט אפשטעלן אינמיטן א ברכה, דעריבער איז ער געבליבן שטיין ווען מיט זיינע פינגער'ס ווייזט ער אז אט, נאך איין מינוט און ער איז שוין פארטיג...

דער באס האט אנגעהויבן פארן בעפאר אלע וואס זענען יעצט ארויף האבן שוין אנגעיאגט זיך אוועק צו זעצן.

צווישן זיי איז ארויף א יונגע פרוי וואס איר האנט האט אנגעכאפט א קינד פון דריי יאר אלט. זי האט אנגעהויבן צו גיין זוכן א פלאץ, דער באס האט אנגעהויבן פארן שנעל, און פלוצלינג - האט ער זיך ווילדערהייט אפגעשטעלט...

עס זעהט אויס אז א פריוואטע מאשין וואס איז אריינגעפארן אין זיין ליניע האט צוגעברענגט ער זאל זיך מוזן אפשטעלן פלוצלינג, און די רעזולטאט איז אינגאנצן נישט איינגענעמען געווען; די פלוצלינגע אפשטעלונג האט צוגעברענגט אז עטליכע פון די רייזנדע האבן פארלוירן זייער גלייכגעוויכט און האבן געכאפט א זעץ פון די בענקל וואס איז פאר זיי.

ביי די פאל פון די פרוי מיט איר יונגעלע איז געווען נאך שווערער. די פרוי האט זיך געגעבן א כאפ אן אין די בענקל נעבן איר, אבער איר האנט האט געגעבן א לאז אפ די האנט פון איר קליינעם זון און איז געפלויגן מיטן גאנצן שטארקהייט צו די פאדערשטע טייל פונעם באס...

דאס קליין קינד איז געפלויגן, אבער איז באלד אפגעשטעלט געווארן דורך דעם בחור וואס איז געשטאנען אינמיטן די דורכגאנג צו זאגן די ברכות השחר פאר זיינע חברים.

די מאמע וואס האט שוין פארלוירן איר אטעם פון שרעק, האט נישט געהאט וואס צוטוהן נאר צוריק אנכאפן די האנט פון איר דערשראקענעם קינד, און זיך אראפזעצן מיט אים אויף א דערנעבנדיגע ליידיגע בענקל.

אזוי ווי אסאך פון די רייזנדע, האב איך אויך צוגעקוקט פון די זייט אין די געשעהניש וואס האט אינגאנצן גענומען עטליכע סקונדעס, און מיין גאנצע קערפער האט געטרייסלט. עס איז געווען א נס, א אפענער נס, איך בין נאר אויפגעציטערט געווארן פון טראכטן וואס וואלט ווען געווען ווען דער קליינער קינד ווערט נישט אפגעשטעלט דורך דעם קערפער - און אפשר איז ריכטיגער צו זאגן: דורך די ברכה - פון דעם יונגער בחור'ל.

דער עלטערער איד וואס האט פריער אריינגעזאגט דעם בחור, האט ווי עס קוקט אויס זיך געפילט אביסל אום באקוועם, און איז צוגעגאנגען זיך אנטשולדיגן פארן בחור, אבער דער בחור, ווי פון הימל, האט פונקט אין יענע סקונדע געענדיגט די ברכה: "**הגומל חסדים טובים לעמו ישראל**", ווען זיינע חברים ענטפערן 'אמן' און האט זיך אראפגעזעצט אויף זיין פלאץ ווי עס וואלט גארנישט פאסירט, ער האט נישט פונקט פארשטאנען איבער וואס איז דער טומל, עס זעהט אויס אז זיין מח איז אינגאנצן געווען פארטיפט אין זאגן די ברכה מיט כוונה, און האט נישט געפילט וואס עס גייט פאר.

נאר נאך וואס איך בין אהיים געקומען ביינאכט און דערציילט פאר מיינע קינדער דער נס וואס מיינע אויגן האבן בייגעוואוינט אינדערפריה, האב איך פארשטאנען די טיפקייט פון די געשעהניש. מער ריכטיג, מיין גרויסער זון האט מיר אויפמערקזאם געמאכט אז דער וואס געבט אכטונג צו ענטפערן 'אמן' ווערט אנגערופן אין פסוק: "**שומר** אמנים", נישט: 'עונה אמנים', אדער: 'אומר אמנים'; אט, יעצט האב איך מיט מיינע אייגענע אויגן געזעהן די געוואלדיגע שמירה וואס קומט אראפ אויף דער וועלט אין זייער זכות.

און האב צוגעלייגט און געזאגט פאר מיינע קינדער:

'דאס מאל האבן מען געזעהן די ישועה מיט די אייגענע אויגן, אבער עס איז וויכטיג מ'זאל וויסן אז אויך ווען די אויגן זעהן נישט אפן, דאך דער הארץ גלייבט און ווייסט אז אסאך אומגליקן ווערן אפגעהאלטן יעדן טאג צוליב דעם וואס ענק געבן אכטונג צו ענטפערן אמן'. ווער איז דען גרעסער פון די חכמי ישראל אין אלע דורות וואס האבן אויף דעם עדות געזאגט!

וואויל איז פאר ענק 'בני אמונים', וואס האבן אריינגעברענגט די וואונדערליכע מצוה אין דאס אידישע פאלק. וואויל איז פאר ענק גייענדיג אין אנהויב אין א שווערן וועג, ענק האבן זיך אבער אנגעשטרענגט, זיך געהאלטן פעסט, און זיך נישט דערשראקן, און אט זעהן ענק מיט ענקערע אויגן די וואונדערליכע רעזולטאטן.

אשריכם! ווער קען בכלל שאצן ענקערע זכותים!

מיט גרויס שעצונג
ג.ב. ירושלים.

עיצובים shay